STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04593

LIDER

P. Binecki

Permanent preservation of this book was made possible
by Ben & Sarah Torchinsky
in memory of
"Yosl" Mlotek, a good friend and excellent teacher from long ago

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. בינעצקי

לידער

פאַרלאַג יידיש בוך וואַרשע 1957

P. BINECKI

WIERSZE

Redaktor: D. Sfard

רעדאַקטאָר: ד. ספֿאַרד

Okładkę projektował: H. Gliksztok

הילע געצייכנט: ה. גליקשטאָק

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch“ Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 7689. Nakład 1,000 egz. Druk ukończono w maju 1957 r. Ark. 5,75. Arkuszy wydawniczych 4. Papier ilustracyjny V klasy, 61 × 86 cm, 80 g. Druk. RSW „Prasa“, Warszawa, Tarczyńska 8. B-63

פ. בינעצקי

לידער

ישראל

גיב כּוח...

גיב כּוח מיר זיך צו פֿאַרוואָרצלען דאָ,
איך זאָל אין שטורעם בלייבן אומגעשטערט,
ווען ס'וועט אַ שלאָג טאָן אונדזער גורל־שעה,
זאָל אויך מיין שטאַם דאָ בלייבן נישט פֿאַרצערט.

גיב כּוח מיר, גיב קראַפֿט צו וואַקסן נאָך,
ווי האָט דער פֿלאַנץ אין זאַמדן אױפֿגעגרינט.
צו שוואַך מיין אַקסל פֿאַר דיין שווערן יאָך —
און פֿון מיין לייב די זיכערקייט אַנטרינט.

גיב כּוח מיר אין יעדן מינוטן געליד —
ווער ווייס, וואָס ס'ברענגט דער מאָרגנדיקער טאָג?
ס'זאָל נישט פֿאַרשטומען דאָ און אין האַרץ מיין ליד,
ווען ס'וועט דער שטורעם פּלוצים טאָן א יאָג.

1949

אין די וועלדער פון באַנאַנען

אין די וועלדער פון באַנאַנען
איז די פּאַרכטיקייט פּאַראַנען
פון מלאכימס שטילע טריט,
ווי אין סטראָפן פון אַ ליד.

ווי אַ פרייד־געבעט פון טרוימער,
שעפּטשען שטיל די גינגאָלד־ביימער —
ווער עס הערט נאָר דאָס געבעט,
דער דעם האַר פון ליכט דערזעט...

אין די וועלדער פון באַנאַנען
האָב איך אויך מיין ליכט פאַרשטאַנען —
יענעם בלענד פון מיין געמיט,
וועלכער קנאָספּעט אין מיין ליד....

„המעפּיל“, 1949.

דער יונג אויפֿן טראַקטאָר

דער בראָנזענער יונג אויפֿן טראַקטאָר —
דער הימל איז אָפֿן פֿאַר אים.
די בלייקייט אַ גאָלדיק־פֿאַראַקערטע
זינגט אויף מיט אַ זילבערנער שטים.

אָ, הערט, אָ, ווער הערט דאָס געזאַנג?
אין דעם טויאיקן זונענאויפֿגאַנג?
נאָר די פֿייגל פֿון נאַכט אויפֿגעוועקט
מיט די שוואַרצינקע שנאָבעלעך שרעק.

דער טראַקטאָר ווייסט גאָרנישט קיין ענד.
צי איז דען אַ גרענעץ פֿאַראַן?
דער יונג מיט די בראָנזענע הענט
פֿאַראַקערט אין וואָלקן אַריין.

אָ, ווי ווייט איז דער זילבערנער וועג
פֿון דיין פֿעלד ביז צו וואָלקנס דעם שטעג.
זע, אַן אָדלער עס קרייזט דאָרט אַרום,
און דעם טראַקטאָר ער פֿירט צו דער זון.

די זון איז אַ פֿלאַמיקער פֿליין,
דער יונג פֿירט דעם טראַקטאָר פֿאָרויס.
אַ פֿלאַם ווערט זיין אייגן געביין,
וואָס גיט אויף די פֿעלדער אַ ברויז.

אָ, אומזיסט זוכט דער קיבוץ אַרום
דעם פֿאַרלאָרענעם טראַקטאָר אין זון —
ס'איז דער יונג מיט די בראָנזענע הענט
דורך די גילדענע שטראַלן פֿאַרלענדט.

„המעפּיל“, 1949.

גרינע לאַנען

גרינע גראָזן, רויטע זאַמדן —
יאָגן פון די מדבר־ראַנדן: —
ווער וועט וועם באַזיגן?
האָבן סאַמעט־ווייכע גראָזן
גאָר און פּלוצים זיך געלאָזן
מיט דעם מדבר קריגן.

האָט דער מדבר זיך דערשראָקן,
אַ פאַרדאַכט אין האַרץ האָט אים געטאָטשעט:
אוי, די גרינע גראָזן!
כ'ווייס, זיי ווילן מיך פאַרטרייבן,
איך זאָל מײַנע זאַמדן קלײַבן
און צום ים זיך לאָזן.

ניין און ניין! האָט ער געזאָגט
און מיט כאַמסינס ביז פאַרשאָטן
יעדן גראָז און בלימל...
ווו אַ קוועלכל אָנגעטראָפן,
איז ער אים דעם וועג פאַרלאָפן
און געלאָזט איף בעטל.

נאָר מיט אַ פאַרכאַפטן אָטעם
גרינקייט שטיל געענטפערט האָט אים:
— גוט, זאָל זיין מלחמה!
נאָך אַ שפּאַן אַרויסגעריסן,

אין דעם זאַמד זיך איינגעביסן —
דאָס איז מיין נחמה.

נאָך אַ בוים און נאָך אַ גאָרטן —
זאָל דער מדבר וויסן האַרטן:
ווער געריכט — דער ט'זיגן!
אָט די פרייד פון פרילינג־גרינען,
דער געזשום פון זומער־בינען —
וועט זיין מאַכט באַזיגן!

קען דען ווער דאָס אַלץ דערציילן,
וויפל שפּאַנען, וויפל איילן
האָבן פיין פאַרנומען —
נישט קיין טויען בלאָנקען — טרערן —
אויף די וועגן שווערע
אויף די צאַרטע בלומען.

יעדעס גראָז און יעדעס בוימל —
אַ געשיכטע איסצומרוימען
אויף די רויטע זאַמדן.
אָ, געבענטשט זאָל זיין דאָס שפּאַנען
פון די גראָזן, גרינע לאַנען,
צו די מדבר־ראַנדן!

„המעפּיל“, 1949.

מיין טאָג

מיין טאָג — אַ שמעטערלינג מיט ציטערדיקע פליגל —
ער האָט די איינזאַמקייט די נאַכטיקע צעריגלט

און איז אַריין אין מיר מיט קוועלנדיקער שיין —
ווי לאַנג נאָך, וועט ער מיינער, מיינער זיין?

ער האָט אַ צאַפּל אויף געטאָן מיר אין באַגינען
און אויפגעלויכטן מיט אַ נייעם זינען —

אַן אַנונג קוועלנדיקע, ווי אַ וואַסער־פאַל.
עס האָט אַ גאָס געטאָן, אַ פלייץ, אַ ברויז, אַ שאַל,

אַז איך אַליין בין אין דער לויטערקייט צערונען —
אַ שטויבעלע, וואָס נישט פאַרלאָרן, נישט געפונען,

אַ יאָ, אַ ניין, אַ דורכזיכטיקער מאַט —
אַ שמעטערלינג פון ליכטיקייטן זאַט.

רמלה, אויגוסט 1950.

מיין גאָרטן

אויסגעריסן אַלע בלומען אין מיין גאָרטן —
שפּעטער האַרבסט.
אויב ס'איז נאָך אַ רויז פאַרבליבן דאָרטן —
זי פאַרהאַרבט.

הויל און נאַקעט זעענען מיינע ווינטערבייטן.
אומעט, באַנג.
צו אַ נייעם זומער זיך פאַרגרייטן
איז נאָך לאַנג.

ס'דאַרף אַ ווינטער קומען נאָך מיט פראָסט, מיט שנייען
אויף מיין ערד.
און מיין איינגעוויד פאַרגיין אין שנייען
נאָך באַשערט.

ס'דאַרפן סאַקן אין די וואָרצלען זיך צעזידן
אונטער אייז,
ביז מיין פרילינג וועט זיך נעמען שמידן
איבערנייס.

און ביז דעמאלט — ליידיק, ליידיק בלייבט מיין גאָרטן,
און איך אליין
בלאָנדזשע אום אָט דאָ, אָט דאָרטן —
אין געוויין.

דער טרויער דער אַלטער

איך קאָן נישט פאַרשטעלן מיין פּנים
מיט פרייד, וואָס איז רואיק און העל.
מיין טרויער דער אַלטער, איך קען אים,
ער לויערט נאָך אַלץ אויף מיין שוועל...

אויך דאָ אויף די יידישע פעלדער —
אין גלי פון דער בלענדיקער זון,
אין שאָטן אין גרינעם פון וועלדער —
מיין טרויער, אַזוי ווי אַ הונט,

איז צום גוף מיין מיט קייטן געבונדן
און בילט מיר אריין אין מיין האַרץ,
און עפנט פאַראייטערטע ווונדן,
וואָס זענען פאַרבליבן פון האַרבסט.

וואָס וויל ער, וואָס וויל ער, דער טרויער?
איך האָב אין מיין ליכטיקער היים
דאָך אָפן געלאָזן דאָס טויער
פאַר רו, זי זאָל קומען צו גיין —

ווי די זאָרגלאָזע רו פון די רינדער,
וואָס פּאַשען זיך שטיל אויפן פליין, —
נאָר כ'הער אַלץ דעם יאָמער פון קינדער,
וואָס זענען פאַרשאָטן מיט שטיין...

נאָר כ׳הער אַלץ די שרעקן־געשרייען,
וואָס וועקן מיך אין מיטנאַכט, —
ווי קאָן איך, ווי קאָן איך זיך פרייען
אין היימישער רו אויסגעדאַכט?

אַזוי איז באַשערט שוין פון לאַנג
מיין רו און מיין שלאָף און מיין פרייד —
אַז זיין זאָל די פיין מיין געטראַנק
און דער צער — מיין טאָגטעגלעך ברויט.

.1950

אין טויער פֿון עמק

אין טויער פֿון עמק,
ווען איך האָב מיין היים אויפֿגעשלאָגן —
אַ בושל מיט אימה —
עס האָט זיך די בייעס אויף פֿעלדער צעטראָגן,

אַז דאָ אויפֿן באַרג־שפּיץ,
וואָס האָט אין דער בלויקייט פֿאַרשטאָכן,
אַ פּוילישער ייִד איז
פֿון ווייסל אַהער אַזש פֿאַרקראָכן.

אַ וואונדער, אַ וואונדער!
מ׳האָט עפּעס גאָרנישט פֿאַרשטאַנען...
צום עמק פֿאַרבונדן
אַ ייִד פֿון די פּוילישע לאַנען,

וווּ טאָפּאָליעס רוישן
און ווערבעס ביי טייכעלעך וויינען?
די ווייסל פֿאַרטוישן
אויף דורשטיקע בראַנדיקע פֿליינען?

און דער בושל פֿון פּוילן? —
ער האָט זיך דעם באַרג־שפּיץ פֿאַראייגנט,
נאָר אויך נישט פֿאַרהוילן
זיין טריישאַפֿט צו היימישע וועגן,

וווּ ער האָט געזויגן
ביי סטאַווען פֿאַרשימלטע גרינע
מיט קינדערשע אויגן
די מילך פֿון די נעפּלען באַגינען.

די עוולה איז מיינע

די עוולה פון היים איז דאָך מיינע,
און ס'טריפט פון עם האַרצן מיין בלוט.
צו וועמען דערטראָגן די טענה,
וואָס שמייסט ווי א גליאיקע רוט?

די עוולה פון הימלאָזע ברידער,
וואָס האָבן ביים שוועל פון דער היים
אין דאכלאָזע צעלטן גענידערט,
פאַרשטומטע אין יאוש־געוויין.

צו וועמען דערטראָגן די טענה?
פון הילפלאָזע בליקן די טרער?
אַז ס'זענען די טרערן אויך מיינע,
אַז ס'איז אויך דער צער מיר באַשערט.

אַז ס'איז מיר באַשערט די יללה
אין טיף פון דער נאַכט אויפגעוועקט,
פון מאַמעס פאַרוויינטע די קללה —
אַ מעסער אין האַרצן געשטעקט.

און וואָס זאָל איך זאָגן די ברידער
אין ווינטיקע צעלטן צעזייט,
אַז ס'איז זיי געוואָרן הערווידער
דער קלאַנג נאָר דער בלייזער פון טרייסט?...

אויגוסט 1950 רמלה.

אַ חלום

אין קרית עמל וואַקסן עפּל
און ס'רײַשן די סעדער בײַנאַכט.
אין אַ בלאָנדן קינדערשן קעפּל
האָט אַ ליכטיקער חלום דערוואַכט:

עס האָט זיך דערזען אין גאָרטן
פון בײַעס שיכון פּאַרפּלאָנטעט.
און עפּל געווען אין שענע האָרטן
און פּלױמען מיט ראָזלעכן גלאַנץ.

און טרויבעלעך פּוליע, ווי קרעלן,
וואָס אָנגעטאָן נאָר אויפן האַלדז.
ווי ס'וואָלט ווער אַ מעשה דערציילן —
געכישופט האָט בלענדיק אַלץ.

און פּלוצלונג, ווען ער האָט באַוואונדערט
דעם גלי פון מאַראַנץ אויפן בוים,
וואָס האָט אין אַ זײַט אָפּגעזונדערט
געשפּונען זײַן גילדענעם טרוים,

געעפנט האָט ער זײַנע אויגן —
אַ שטראַל האָט פון שלאָף אים געוועקט.
אין פענצטער אַ צווײַג, אײַנגעבויגן
האָט שלום צו אים אויסגעשטרעקט —

און נישט ווי אין חלום די ביימער
מיט פריילעכן בלעטער־געוויש
הערזען האָט דער קליינינקער טרוימער
אין נייעם שיכון ביי זיין הויז —

אַ ביימעלע איינזאַם, פאַרדאַרט,
וואָס גאַרט נאָך אַ טראָפּנדל טוי
און וואָס אין אומענדלעכן וואַרטן
אויף רעגן — געוואָרן איז גרוי.

1951

דער מילכיקער

דער מילכיקער, דער מילכיקער —
אַ ווילער גאַסט אין שטוב.
מיט אַ שטיים אַ הילכיקער
ער גיט ביים שוועל אַ רוף:

חלב, חלב! און גיט אַ הויב
די זילבער־קאַן פון ד׳רערד.
מיר דאַכט, די קאַן — אַ כישוף־טויב —
נישט פליען איר באַשערט —

נאָר אייביק, אייביק הוידן זיך
מיט זילבערדיקן פאָך
און באַלד אַראָפּפאַלן צוריק
אין ווייסן טרערן־שלאָכץ.

אוי, מילכיקער, דו האַרציקער,
לאָז אָפּ די זילבער־טויב,
זי זאָל צום הימל קוואַרציקן
זיך געבן באַלד אַ הויב —

און איבער בערג אַרויספליען
אַזוי איר האַרץ נאָר גלוסט —
וועט אפשר שוין דער נס געשען:
און פון איר זילבער־ברוסט —

אַרויסרייסן עס וועט זיך פֿאָרט
דער קלאַנג, וואָס זי באַגערט —
אָט דאָס געהיימע כּישוף־וואָרט,
וואָס שמידט זי צו דער ערד...

אוי, מילכיקער, דו מילכיקער,
וואָס ביסט ביי אונדז צוגאַסט —
גענוג, גענוג, די טייב די שטילינקע,
זאָל זיין דיר נאָך צו לאַסט...

אין חיפה, דעם כרמל צופוסנס...

פארקריץ עס דיר טיף אין זכרון,
פארשרייב עס אויף פארמעטן אלטע —
דעם טאג און דאס יאר און דעם צארן —
אין בלוט פון דעם הארצן באהאלט עס;

אין חיפה, דעם כרמל צופוסנס,
אין האפן דעם יידישן; ווידער
האט „ארצה" געשיקט היינט א גרוס אונדז:
„מיר וואכן, מיר וואכן אלץ, ברידער!"

„מיר וועלן אזוי ווי די מאסטן
פון אונדזערע אייגענע שיפן
נישט בייגן זיך אונטער די לאסטן
פון שטורעם אראפ צו די טיפן...

מיר וועלן זיך אויסגלייכן, ברידער,
מיר שטייען דעם שטורעם אנטקעגן".
און ס'האבן געענטפערט מיט לידער
די נאענטע, היימישע ברעגן.

נאר דאס זאלן קינדער געדענקען —
די קינדסקינדער איבערדערציילן:
די וואונדן פון היימישן הענקער,
זיי וועלן זיך לאנג נישט פארהיילן!

זיי וועלן צום משפט זיך שטעלן
און מאנען דעם דין דעם גערעכטן
פאר בלוט אויף די היימישע וועלן,
פאר רום פון די ברידער פארשוועכטן...

27 נאוועמבער 1951, קרית עמל.

הייליקע ווערטער די דריי

„קדמה”, „גלילה” און „ארצה” —
ווערטער הייליקע דריי.
שטאַרקער נעמט קלאַפּן אין האַרצן,
ווען איר צעקלינגט אויפדאָסניי...

וואַסערן ברייטע געשניטן
מיט דער פאַרבאָרגענער פאָן,
אונטער דעם יאָך פון די בריטן -
פרייהייט פאַר היימלאַנד געמאָנט.

האָם איז געוועזן דאָך נעכטן
דאָ ביי דעם חיפהר ברעג;
פון די מעפּילים-געפעכטן
שטילקייט פון נאַכט האָרכגעזעגט,

און אין פּאַרטאַגיקן נעפּל
שטיל ווי די שאָטנס געשלייכט.
באַרקע אויף באַרקע — אַ טרעפּל —
לייבלעכע ברידער צוגלייך...

זענען שוין יענע מעת-לעתן
טאַקע אויף אייביק פאַרשטומט?
האָט שוין דאָס היימלאַנד פאַרגעסן
אייער פאַרשוויגענעם רום?

ניין! ווי אַ פֿלאַם אינעם האַרצן
צינדט ער זיך אָן אויפֿדאָסניי,
„קדמה", „גלילה" און „ארצה" —
הייליקע ווערטער די דריי...

אַנדערע זענען די טענער
פֿון דער צעזונגענער פֿרייד.
אַנדערע — ייִדישע פּענער
איבער די כוואַליעס צעווייט.

נאָר קענען זעלביקע שטורעם
זענען די הערצער געשטאַלט.
מאַסטן צום הימל געטורעמט —
ים־בריחער ווידעראַמאָל.

וועלן די היימישע ברעגן,
ווי דאָס איז נעכטן געשען,
ווידער אַרויסגיין אַנטקעגן
אייך מיט נצחון געבענטשט...

„קדמה", „גלילה" און „ארצה" —
ווערטער הייליקע דריי.
שטאַרקער נעמט קלאַפּן אין האַרצן,
ווען איר צעקלינגט אויפֿדאָסניי.

27 נאָוועמבער 1951.

דאָס צוגעזאָגטע לאַנד...

דאָס צוגעזאָגטע לאַנד —
אַ דורשטיקס
בייגט אַראָפּ צום ים די ליפּן.
דער גאָלד־געבראַנטער זאַמד,
ווי אָפּגעשיילטע ביינער־ריפּן,
וואָס לעכצן
זייער נאַקעטקייט פֿאַרדעקן
מיט דער קילקייט פֿון א בוים.
די גליווער־פּאַלמע,
ווי אַן עדות
פֿון אַ קיינמאָל נישט געשטילטן טרוים —
ווי לאַנג זי שטייט אַזוי און צאַנקט
און צאַנקט,
אַז ס'טוט שוין קיינעם נישט אַפֿילו באַנג,
ווען זי פֿאַרלירט דאָס לעצטע ביסל שאָטן
און ווערט אַלץ מער
אין אַ סטראַשידלע פֿאַר די פֿייגל געראָטן...

דאָס צוגעזאָגטע לאַנד —
עס קען זיך גאָרנישט אָנטרינקען צו זאַט.
ווען משה וואָלט די פּערציק הימליאָר
דעם מדבר דורכגעשפּאַנט
און אין לאַנד פֿון כנען אַריין
און מיט זיין וואַנדער־שטעקן
אויסגעצוויבערט אַלע קוואַלן
פֿאַרן מענטש —

וואָלט איעדעס גרעזעלע
דורך אייביקייטן אים געבענטשט.

נאָר ס'איז איינער נס דאָך נישט געשען.
די חומש־ערד —
יאָרטויזנטער פֿון גלוסטעניש זי ברענט...
די בני ישראל —
איינעם מחבור־ים זיי גליען אויס די טריט.
אין ווייונגעצעלטן
שפּינען זיי דאָס אַלטע משה־ליד.
און ווער פֿון זיי —
עס בוקט זיך צו דעם קאַלב פֿון גאָלד,
און וועמען ווערט דער בליק פֿון שנאה —
שטאָל...
און ווער ס'איז אַלץ נאָך גרייט
די אַלטע בענקעניש אין ליילעכער פֿאַרקניפּן
און מיט אַ קללה אויף די צוקנדיקע ליפּן
צו לאָזן זיך אויף יעדער ברייט,
דורך יעדן וואָלקנדיקן ראַנד,
צו ערגעץ־ווו
אַ צוגעזאָגטן לאַנד...

וואָס נאָך איז באַשערט דיר...

איך האָב דיינע שטריכן געקושט,
ווען כ׳בין צו דיין ברוגז צוגעפאַלן,
נאָר דו מיט אַ פויסט אין דער ברוסט
צעשלאָגסט מיינע בענקשאַפטן אַלע.

איך האָב דאָך קיין סך נישט פאַרלאַנגט,
ווי בלויז נאָר אַ טראָפעלע פרידן,
נאָר דו האָסט פאַרטריבט דאָס געזאַנג
פון מיינע צעיובלטע לידער.

איך האָב זיך אַליין אָפגענאַרט
און אַנדערע, אַנדערע אויכעט,
אַז דאָ דער גן־עדן זיי וואַרט —
נאָר אָפגעוואַרט האָט זיי דער שוחט...

דעצעמבער 1951

נאָך ווייניק... נאָך ווייניק...

האַרץ מיינס, נאָך ווייניק... נאָך ווייניק...
מוזט ווערן אין פייער געשטאָלט.
ווי פעלז אַזוי האַרט, אַזוי שטייניק,
אַז ס׳זאָל היינט אַ שלאָג טאָן דיין קול.

מיט גליאיקן האַס און מיט צאָרן,
פאַר אַלע פאַרפייניקטע טעג.
פאַר אַלע געשענדעטע יאָרן.
האַרץ מיינס, דו גיי אין געיעג

מיט יעדער געמיינהייט, וואָס הוליעט —
אויף גאַסן פון אייגענער היים —
די היים, וואָס מיט שלעכטיקייט פול איז
מיט אומשולדיק בלוט און געוויין.

האַרץ מיינס — אויב מען באַדאַרף
דאָס אומרעכט פון לאַנד פאַרשניידן,
דו ווער פון אַ חלף די שאַרף
און זאָלסט די אַנטשיידונג נישט מיידן.

צפת, יולי 1952.

אומרו

אוי, ווער וועט דעם הימל מיט בלויקייט פֿאַרציִען —
מיט דורכזיכטיק־לויטערער רו,
אַז ס'זאָל נישט פֿאַרבלייבן אונדז ביז אינדערפֿריִען
פֿון נאַכטיקע שאָטנס קיין שפּור?

אוי, ווער וועט די סטאַדעס צום וואַסער דערטרייבן,
זיי זאָלן פֿאַרשטילן דעם דאָרשט.
אין פֿאַלדן פֿון באַרג שוואַרצע וואָלקנס זיך קלייבן
און דונערן נעמט שוין אָקאָרשט.

מיין האַרץ, ווי אַ קינד, וועקט זיך אויף אין געצאַפּל —
פֿון ברוסט רייסט אַרויס אַ געוויין.
אוי, ווער וועט פֿאַרשטילן דעם צער אין שוואַרצאַפּל
און ווער דאָס געשריי וועט פֿאַרשטיין?

.1952

נישט אַלע זענען מיר דאָ ברידער...

נישט אַלע זענען מיר דאָ ברידער —
דער שכן, וועלכער וווינט אַריבער וואַנט
און קומט אַהיים נאָך שווערער מי אַ מידער —
אים דריקט איך האַרציק חבריש די האַנט.

„אַ גוטע נאַכט" — מיר זאָגן זיך איינאַנדער —
אויף מאָרגן וואַרט אַ טאָג אויף אונדז פול מי.
צעשמייכלטע מיר גייען זיך פאַנאַנדער
צו דעם פאַרדינטן אָפּרו ביזקל פרי.

נאָר דער, וואָס וווינט אַריבער גאַס, דערנעבן —
ער האָט זיך מיט אַ שווערער טיר פאַרמאַכט,
מע זאָל מסתמא קיין עין־הרע געבן
זיין רייכטום, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט.

די שיינע שפּיגלען און קרישטאָלן,
די וואַזעס, די כינעזישע, אין שראַנק,
די בילדער פאַרבנרייך געמאָלן,
דאָס צירונג, גאָלד און זילבערנער געבלאַנק.

נאָר איך בין אים דאָס רייכטום נישט מקנא
און נישט דאָס גאָלד און אויך נישט דאָס קרישטאָל.
אין זיין גליק איז עפּעס וואָס פאַראַנעט
און אין זיין הייזעריקן פרעמדן קול,

וואָס האַקט אָפּ יעדעס וואָרט אינמיטן
און לאָזט עס שטעקן ערגעץ־ווו אין האַלדז.
און דאָס האַרץ זאָגט אונטער: זאָלסט זיך פאַר אים היטן —
ער איז געווען און בלייבט אַ שונא אַלץ.

.1953

לאַנד מיינס

לאַנד מיינס!
דיינע גרענעצן פון אַלע זייטן אָפן,
דיינע ברעגן פֿאַר די ווינטערס אויסגעשטעלט.
ערגעץ זענען שוואַרצע שאָטנס אָנגעלאָפן
און זיי גרייטן זיך אַ שפּרייז טאָן צו דיין שוועל.

שטייט דער כּרמל איבער דיר אַ טרייער שומר,
און אין חיפֿה פֿאָרט דער שטערנגלי ביינאַכט.
זע, ווי אין באַגינענס ווינען שטיל די ביימער,
ווי עס וואָלט די שרעק אין צווייגן דאָרט געוואַכט.

פֿון מטולה ביזן נגבֿ דיינע שטחים
אין אַ גליווערנדיקער בענקשאַפֿט איינגעוויגט.
ווערט אַ שפּראַצונג פֿון דורשט דיר איינגעבראָכן,
אויסגעלאָשן ווערט אַ פֿרייד־שטערן אין בליק.

אַלע שבֿטים זענען זיך צונויפֿגעקומען,
נאָר די ברודערשאַפֿט צו קומען האָט פֿאַרפֿעלט.
אין ישׂראלס צעלטן ווינט אַצינד דער אָרעמט.
די גרויסע האָפֿענונג אין מזרח העולם.

ווען די לידער וועלן ווערן אויסגעזונגען,
און די מדבּרים אויסגעזייעט מיט סאַמעט־גרינס,
ווען געשטילט וועט ווערן שוין דער לעצטער הונגער
און פֿאַרווישט די טרערן פֿון אַן עלנט קינד —

דאַן ערשט וועט מיין אומרו זיך צעריינען,
און אין יעדן אויפֿבלי פֿון דעם מאָרגנשיין
וועט אויפֿגיין מיין האַרץ די גרויסע פֿרייד געפֿינען,
וווּ עס געפֿינט איצט בלויז נאָר פּיין...

.1953

נ צ ר ת

נצרת,
די שטאָט פֿון דערלייזער —
האָס הייליקע ברויט אירס
פֿון לאַנג שוין, פֿון לאַנג צעוועריכט.
אין געסעלעך ענגע —
דאָרט קיניגט דער הונגער-געבייזער.
און ס'עסט זיך אַריין אין די אויגן טראַכאָמע —
דער שטויב.

די שוואַרצע סאַטאַנע
פֿאַרדעקט שוין נישט מער
אירע ווונדן.
איר קלויסטער-געזאַנג —
פֿאַרלאָרן דעם פֿאַרכטיקן הויך.
די שטאָט,
וואָס געקרייציקט האָט יעדער יאָרהונדערט —
פֿאַרהילן זי לאָזט זיך שוין מער נישט
אין הייליקן רויך...

נצרת!
ווי אומענדלעך פֿרעמד
קלינגט דער נאָמען אין יידישן אויער.
דער שטיינער-געוואָרף
ביי דעם ראַנד פֿון די יידישע שטעטלעך,
דאָס הינטיש געביל ביי אַ טויער —
זיי רופֿן דמיונות אַרויס

פון נישט ווייטן עבר...
דאָ גליווערן אַלץ נאָך סימנים
פון שלאַכטן
„פאַר קריסטוסעס קבר".
נאָר ס'רופט זיך שוין איבער
דער קלויסטער־געזאַנג
אויך מיט אַנדערע טענער.
דער שאָטן פון צלמים
צעריגט
אין געפלאַטער פון אַרבעטער־פענער...

ק. עמל, 1953.

זעלנערינס פון פורפורנעם באַגין

(געווידמעט דעם קאָנגרעס פון פרויען אין ישראל)

א.

אין יפו, אין נצרת, צי אין רמלה —
אומעטום אויף די שליאכן פון דער ערד
באַגעגנסטו זיי, שעמעוודיקע, שטאַמלען —
פון דאָליע ביטערער, וואָס איז באַשערט.

די מאַמעס מיט די אויסגעבליכטע ליפן —
די שוועסטער מיט די אָדערדיקע הענט,
די טרוימען, וואָס פריצייטיק זיי דערשטיקן
אין אָרעמע, אייגענע פיר ווענט.

באַגעגנסטו זיי, מיפולע און שטילע,
געדולדיק איינגעשפאַנטע אינעם עול —
אין קלויסטער, צי אין שול, ווו ביי א תפילה
מיט קוים דערהערטן שעפטשענדיקן קול.

נאָר ס'טרעפט אויך ווען: זיי קענען שוין נישט מער!
צו שווער אויף זיי געפאלן איז די לאַסט.
און פלוצלונג... אין די הערצער זיי דערהערן
דאָס אייגענע געשריי, וואָס זיך צעוואַקסט...

און דאָ, און דאָ, אין יפו, צי אין רמלה,
צי ערגעץ־ווו אין ווייטן אינהאָכין,
די מאַמעס און די שוועסטער זיך פאַרוואַנדלען
אין זעלנערינס פון פורפורנעם באַגין...

איז גוט, וואָס זיי קומען זיך צוזאַמען,
די שוועסטער פֿון פֿאַבריק און פֿונעם פֿעלד.
אין יעדן זאַנג פֿון די צעגאָלדטע לאַנען
האָט זייער מי און שווייס נישט אויסגעפֿעלט.

איז גוט, איז גוט דאָס אַלץ אַמאָל דערציילן:
די שוועסטער. פֿונעם אויבערשטן גליל,
פֿלעגט קיינמאָל אירע וווּנדן נישט פֿאַרהיילן,
אין שאָטן פֿון מעטשעט געגאָסטע שטיל.

איז גוט, וואָס זיי קומען זיך צוזאַמען
פֿון רמלה, פֿון נצרת און פֿון דן.
זיי האָבן דורות לאַנג זיך נישט פֿאַרשטאַנען,
נאָר היינט — די שלום־שפּראַך איז זייער פֿאָן!

עזרא

פון כרמל דער ווינט שיקט אים איבער א גרוס,
פון נגב דער גליאיקער אָטעם,
פון עמק איעטרועדיער ווינטרייבן־קוסט,
וואָס האָט שוין זיין פרוכט אָפּגעשאָטן.

זיין הימל געקרייצט מיט פאַראָסטעטן קראַט —
און ער ווי אַן אָדלער געפאַנגען —
ער קוקט מיט פאַראַכטונג אין אויג פון פאַראַט...
און זיינע צעווייגטע פאַרלאַנגען —

זיי רייסן זיך דורך דער געמויערטער וואַנט
און יעטוועדן האַרץ זיי דערגרייכן.
פון גרענעץ ביז גרענעץ דאָס ייִדישע לאַנד
פון ליבשאַפט עס גיט אים א צייכן...

די ביקס, וואָס ס'האָט עזרא געהאַלטן אין האַנט,
זי איז אָנגעלאָדן מיט בליצן...
די שעה זאָל נישט זיין, ווען דאָס אייגענע לאַנד
ביז ווייטיק די ציין וועט פאַרקריצן —

און אונטערן יאָך פון פרעמדע דערהריקט
דאָס פאָלק וועט די פרייהייט באַגערן —
וועט עזרא כלל דעמלט קומען צוריק —
די ביקס וועט אים ווידער געהערן...

און ס'וועט זיך פאַרהיילן די ווונד אין זיין ברוסט,
די עוולה — באַצאָלט וועט זי ווערן!
פון כרמל דער ווינט שיקט אים איבער אַ גרוס
און ס'ווינקען אים פריינדלעך די שטערן...

בר מצוה

אַ סימן זאָלסטו האָבן צו די דרייצן יאָר:
די היים נישט גרינג, נישט גרינג איז דיר געגעבן.
דיין טאַטע, ער אַליין געהערט צו יענעם דור,
וואָס האָט מיט בלוט באַצאָלט פאַר רגעם לעבן.

מיט בלוט פון האַרצן האָט ער אָפּט באַצאָלט,
אַז ס'זאָל דיין קינדהייט, ווי באַגין, צעהעלן.
ס'זאָל גרינגער אויף די אַקסלען דיינע זיין דער עול,
ווען דו וועסט דיינע טריט אין לעבן שטעלן.

און היינט, מיין זון, צו דיר דער איינציקער פאַרלאַנג:
זאָלסט טריי בלייבן דעם נאָמען פון דיין טאַטן —
אַזוי ווי ער, אין שטורעם און געדראַנג —
מיט פחד אינעם בליק זיך נישט פאַראַטן.

נאָר גיין פאָרויס, פאָרויס דעם וועג זאָלסטו, מיין זון, —
דעם שיינעם חלום פון מיין דור דערשפּינען,
ביז אונטער גלעטנדיקער, פרילינגדיקער זון —
דאָס שלעכטס זאָל מער קיין אָרט זיך נישט געפינען.

ווינטער

דער ווינטער איז דאָ רעגנדיק און האַרב,
אַזוי ווי אין דער אַלטער היים דער האַרבסט.

די נעכט דאָ — לאַנג און רעגנדיק אַזוי,
און אויך די הימלען — קנױילנדיקער גרוי.

און ס'גייט אַרום אַ האַרבסטיקער דער מענטש,
און ווי אַמאָל — דעם זומערלעכן ער בענטשט.

נאָר ס'טרעפט, אַז סאַמע ווינטער אין דעם לאַנד,
ווען ס'מבלען ימען גאַנצע נאַכאַנאַנד,

און ס'רייסט דער ווינט פון שטוב אַראָפּ דעם דאַך —
גיבן זיך די הימלען פּלוצים אַ צעלאַך —

די שויבן ווערן אויסגעוואַשן בלוי,
די צווייגן איינגעהילט אין זילבערדיקן טוי,

דער רוים — אַ טיפער תכלת-טוך,
די ערד פאַרשיכורט דיך מיט איר גערוך,

און אַלץ אַרום — פאַרפלייצט פון טייכן גאָלד —
ווערט דיר מיטאַמאָל ביז ווייטיק נאָנט.

שפּיטאָל הכרמל אחוזה.
ווינטער 1954.

נאָך אַ יאָר...

נאָך אַ יאָר, און מיר — מיר ווערן ייִנגער...
אונדזער טרויט מיט קראַפט ער גיסט זיך אָן.
אונדזער ליד, ווער קען אַזוי נאָך זינגען?
אונדזער זיג — ער איז אַזוי דאָך נאָנט!

נאָך אַ יאָר. דאָס ליכט פון קרעמל־שטערן
צינדט זיך אָן, אַלץ העלער אין זײַן בליק.
כאָטש דער צער וויל אַפּט זײַן שיין פאַרצערן
און די נאַכט פאַרשווענקען אונדזער גליק.

נאָך אַ יאָר. אָקטאָבער־לאַנד דו פרייע!
אונדזער ליד אין דײַנעם אײַנגעוועבט!
תל־אביב — אַ שוועסטער דיר געטרייע —
מיט דײַן פרײַנדשאַפט אייביקער באַהעפט.

אַז די שנאה זאָל אונדז בײַשט צעשיידן,
און דער פרידן זײַן זאָל אַ געבאָט.
נאָך אַ יאָר דורך טרויער און דורך פרייד
צו דער צוקונפט גיבן מיר אַ טראָט.

.1954

אז די פאָן זאָל זיין ריין...

אַז ס'זאָל ריין זיין די פאָן
פון פאַרטיזאַנער נאַכט אין די פעלדער —
ווען דער שטורעם קומט אָן —
ווי א פעלז זאָל דאָס האַרץ אים פאַרהאַלטן.

אַז דער שטערן נאָר בלויז,
וועלכער ברענט אין פורפורנעם פייער
איבער אַלעמענס הויז —
ער זאָל זיין פון דער קלעם דער באַפרייער.

גיב זשע, ברידער, די האַנט.
לאָמיר שמידן דעם בונט פון די טרייע
כדי דאָס אייגענע לאַנד
פונעם חורבן-געשפענסט צו באַפרייען.

און אין אונדזער ייִדישער היים,
וואָס אין מי אויפגעבויט אויף די זאַמדן —
זאָל קיין פרעמדער געהיים
אויף די ברעגן פון היימלאַנד נישט לאַנדן.

גיב זשע, ברידער, די האַנט,
אַז פון נגב ביז דן אויפן צפון —
מיט דער ליבשאַפט אין שפאַן
זאָל די פרייהייט אַרומגיין באַוואָפנט.

אַז מיט שלום געבענטשט
זאָל געפינט די טיר זיין פאַר יעדן.
אַז אַ מענטש מיט אַ מענטש
אויף דער שפּראַך פון נביאים זאָל רעדן.

1953.

דער רעגן קלאַפּט בלויז אין די שויבן...

דער רעגן קלאַפּט בלויז אין די שויבן.
באַרוואיק מיין האַרץ זיך אַצינד.
און פול ווער מיט ליכטיקן גלויבן
אַזוי ווי אַמאָל נאָך אַלס קינד.

דעם הימלס פאַרוואָלקנטע קנוילן
זיי הענגען אַראָפּ אַזוי שווער.
און אַלע פאַרגאַנגענע גרוילן,
זיי קומען איצט ווידער אַהער.

און רייסן אויף נעכטיקע ווונדן,
וואָס זענען נאָך קוים ערשט פאַרהיילט.
די שרעק וועלט אין האַרץ אויפגעבונדן,
די גרוילן... דו ציילסט זיי און ציילסט.

נאָר זע, ס׳נעמט ביים ראַנד זיך צעהעלן!
אַ פּאַסיקל בלוי און נישט מער —
אומזיסט וויל דער הימל פאַרשטעלן
דאָס ליכט, וואָס דיין בליק האָט דערהערט...

אַ בליק קען אַמאָל אויך חערהערן,
אַזוי ווי אַן אויער דערזען.
און איך וואָלט ביים הייליקן שווערן,
אַז ערגעץ אַ זון האָט צעברענט...

די זון וועט די וואָלקנס פֿאַרברענען.
דאָס פּאַסיקל לויטערער בלוי —
ווערט טיפֿער און ברייטער און שענער.
מיין האַרץ, נאָר דער זון זיך פֿאַרטרוי!

דער רעגן קלאַפּט בלויז אין די שויבן.
באַרואיק מיין האַרץ זיך אַציינד.
און פֿול ווער מיט ליכטיקן גלויבן,
אַזוי ווי אַמאָל נאָך אַלס קינד.

קרית עמל.
ווינטער 1954.

די וועגן פון שנאה

א.

די וועגן פון שנאה געווים,
עס איז זיי נישט איבערצוציילן,
ווי זוונדן, וואס נישט צום פארהיילן
אויף גוואלס צעווונדיקטע פים.

יאַרטויזנטער שטייט ער ביים טויער
פון רוים אין געהייליקטן רום —
מיט האַרץ דעם פארפלייצטן פון טרויער —
בינדט איבער א וווּנד נאָך אַ וווּנד.

און זאַלציק עסט איין זיך די טרער
אויף שלאָפלאָז־צעווייטיקטע ברעמען.
אים האַכט, אַז ער קען שוין נישט מער —

די שנאה זיין ברוסט טוט פארקלעמען:
פון רחמים ליידיק דער כוס —
אין צער דער משיח גייט אויס...

ב.

די וועגן פון שנאה און בלוט
זיי זענען שוין איבערגעזעטיקט.
אין בערג פון גליל נישט פאַרשפּעטיקט
האָט פייפן די אייזערנע רוט

אויף רוקן פון ברודערשן לייב.
דאָרט מישן צונויף זיך די טרערן —
צו ווערן זיי אַלץ נישט געהערן...
די זעלביקע שנאה פאַרטרייבט

די שטאַמיקע ברידער פון היימען,
ווי נעכטן אויף פּוילישן שליאַך...
און טרוימען — נקמה געהיימע —

עס גליען, ווי דאָרט, אין דער נאַכט,
אויך דאָ אין גליל אויף די הייכן —
צו שטאָט פון דערלייזער הערגרייכן...

ג.

די וועגן פון שנאה, ווער ווייס,
ווו ס'איז זייער אָנהייב און גרענעץ,
נאָר ס'איז דאָך פאַראַן אַזאַ עמעץ,
וואָס גיריק נאָך בלוט איז, נאָך שווייס.

פאַר אים איז די וואָגשאָל געגרייט,
זי זאָל מיט אַ שווערקייט פאַלן —
מיט רויב פון דער ערדישער ברייט:
באַנאַנעס און בלוט און גוואַטעמאַלאַס,

און גומע און טיי אינדאָכינס,
און גאָלד אַפריקאַנער און קוילן,
די ערד, וואָס מיט נאַפט איבערינט —

ער לייגט עס אויף רויבערישע שאָלן —
דער עמעץ, וואָס ריווחת זיין גאָט,
און גרויזאַם זיין יעטוועדער טראָט.

ד

די וועגן פון שנאה קאָן זיין,
זיי לאָזן זיך נאָך נישט פארצאַמען.
נאָר ס'איז זייער ענד שוין צו אַנען...
פאַרפלייצט פון דער זוניקער שיין —

זיי קורטשען זיך איין, ווערן שמעלער.
פון פריינדשאַפט די שטראַליקע פאָן —
איר פלאַטער מיט קראַפט נעמט זיך אָן —
איר פארב, אַלץ מער ליכטיקער, העלער.

גלייך זי וואָלט דער לייכט-טורעם זיין,
וואָס רופט צו די רואיקע ברעגן —
אָן גרוילן, אָן בלוט און אָן פיין,

אָן שנאה און רויב אויף די וועגן.
און ווער איר געפלאַטער חערהערט —
זיין האַרץ צו דער פריינדשאַפט געהערט.

צפת, אויגוסט 1954.

מ ע ר ע ...

א.

אַרומגעזוכט כ'האָב לאַנג דיך אין זכרון.
געזאָגט: ביסט אַליין, ביסט אַליין אין מיר פאַראַנען.
כאָטש ס'זענען לאַנג פאַרשוווּנדן יענע יאָרן,
און יענע ערד איז ווייט, ווי ווייט פון דאַנען.

נאָר פּלוצלינג האָסטו אויפגעטויכט אין חלום,
דיין יונג געזיכט מיט יענעם שטילן שמייכל,
וואָס איך איז שווער אַזוי מיר אויסצומאָלן
און אומעטיגליך מיטן בליק דערגרייכן.

נאָר ווי איז מיר! ס'איז דיין געזיכט אין ווייסן,
ווי מיט א זילבער־ראַם אַרומגענומען,
גלייך אַ צפון־ווינט וואָלט דיר אין פּנים שמייסן,
פאַרפרוירן יעדן מינדסטן קלאַנג צום גומען.

איך בין פאַר דיר געשטאַנען און געשוויגן,
נאָר ס'האַרץ מיינס איז פאַרגאַנגען אין געוויינען,
ווי ס'לעצטע מאָל ביים שוועל פון דיינע שטיגן,
ווען מיר זענען נאָך יונג געווען אינאיינעם.

ב.

אין חלום כ'האָב געוואָלט דיר דערמאָנען פרעגן
אַזאַ וואַסער ווייסער שניי האָט דיך פאַרוויאַנעט?
דיין לעצטער שפור אויף וועלכע גרויל־וועגן
ער איז נאָך דאָרטן אַליין, נאָך אַליין פאַראַנען.

איך וואָלט, דאַכט מיר, געלאָפן טויזנט מײלן,
אַבי דײן סימן אײנציקן געפינען.
נאָר דו, גלײך דו וואָלסט זײער, זײער אײלן,
און עפּעס אַנדערש וואָלסט געהאַט אין זינען.

און אײדער וואָס ביסט ווידער נישט געוואָרן.
דײן שנײגעזײכט עס איז אַרױסגעשווומען
אין אָפּגרונט פון די אָפּגעדרישטע יאָרן.
נאָר דאָס געווײן וויל אַלץ אין מיר נישט שטומען,

און דער „פאַרוואָס" ער הערט נישט אויף צו נאָגן.
צי איז עס דען פון הימל אָנגעצײכנט,
איך זאָל זיך נאָך דײן שאָטן אײביק יאָגן,
ביז איך אַלײן אַ שאָטן, כ'וועל דיך גרײכן?

צפֿת

געסעלעך, ווי רצועות געוויקלט אויף אַ שטייניקן לייב.
הייזקעס, ווי ס׳וואָלט זיי אַ האַנט אָנגעוואָרפֿן אין ענגשאַפֿט פֿאַרשטייפֿט.
טוליעט זיך צפֿת היינט ביים הימל אין שטייניקע שפּאַלטן,
גלייך זי וואָלט וועלן פֿון זינדיקער וועלט זיך באַהאַלטן.

מאַמעס אויף פּריזבעס, ווי פֿייגל ביים ראַנד פֿון דער נעסט, —
וואַרטן נאָך אַלץ, אַז ביז שבת געשען זאָל אַ נס.

„גאָט פֿון אַברהם" — זיפֿצן אויס אין פֿאַרנאַכטן די מאַמעס —
ליידיק די שול, ס׳איז צומאָל נישט קיין מנין פֿאַראַנען.

שטום און פֿאַרקלונגען פֿון תּורה דער הייליקער ניגון,
און די צדיקים אין טאַלכל אויף אייביק פֿאַרשוויגן.

אומעטיק איז אין די געסעלעך טונקעלע צפֿתער.
קומט ווען אַ ווינטל צעגאַסט אין אָב, טוט אַ פֿלאַטער --

ברענגט ער צו טראָגן אַ גריילץ פֿון אַ דזשאַז אַזאַ פֿרעמדן,
וואָס אין די הערצער די אַלטע און פֿרומע פֿאַרקלעמט זיך.

ערגעץ אין חר׳ערד האָט אַ וועלט ווער אַ ווייטע פֿאַרטראָגן —
רוישט זי אַריין אין די אָוונטן ווייכע און שטילע.

שעפּטשען פֿאַרטריקנטע ליפּן פֿון זקנות אַ תּפֿילה —
„גאָטעניו, — זיפֿצן זיי, — שטראָפֿן נישט זאָלסט פֿאַר די ווערטער —
איז עס דער שטאָט פֿון אר׳י אַזאַ מזל באַשערטער?"

מקובלים

איינמאָל, דערציילט מען, עס זאָגט דער אר״י:
„תלמידים, צו שבת נישט ווייט.
איז לאָמיר זיך אָנטאָן די הייליקע מי
קיין ציון צופוס טאָן א שפּריז —

די שבת־פּרינצעסין באַגעגענען דאָרט
ביים טויער פון הייליקער שטאָט״.
און מער נישט אַרויסגערעדט האָט ער קיין וואָרט —
אַ גרייטער צו שטעלן א טראָט.

נאָר ס׳האָבן דעם רבין געענטפערט די זין:
אר״י, אונדזער האַרץ איז געגרייט,
נאָר לאָז אונדז אויף פריער פון ווייב און פון קינד
אין רואיקייט ווערן געשיידט״.

ווי נאָר דער אר״י האָט דערהערט זייער וואָרט —
זיין האַרץ איז פאַרגאַן אין געוויין.
„עס האָט די גאולה געוואַרט אויף אונדז דאָרט —
מיר זאָלן אַנטקעגן איר גיין —

נאָר זין, די גאולה איר האָט שוין פאַרזאַמט —
אַ רגע נאָר בלויז און נישט מער —
די וואַקלעניש זאָל אונדז פאַרבלייבן צו שאַנד —
פאַר דורות אַ שטראָף אונדז באַשערט״.

אויף דער מצודה

די צייט איז פֿאַרמאַכט אונטער אייביקייט־שלעסער.
קאָן זיין, אַז דער שטיין, וואָס ער וואַלגערט זיך דאָ —
ער האָט נאָך דעם קלאַנג פֿון דער שלאַכט נישט פֿאַרגעסן
און ס'חלומט זיך אַלץ אים די ליכטיקע שעה,

ווען דאָ צו דער בלאָאיקער רחבֿות פֿאַרקלעטערט —
פֿון פֿעלזיקן שפּיץ צו כּנרת געניגט,
עס האָט מתּתיהו די געטער געשמעטערט
און האָט דאָ זיין אַדלערשע נעסט האָך פֿאַרליגט.

די צייט אונטער אייביקייט־שלעסער פֿאַרריגלט,
נאָר ס'טרעפֿט דאָך, אַמאָל גיט מיין בליק אַ דערלאַנג
אַהינטער דעם שטויב פֿון צעמאַרשטשעטן ציגל,
און ס'כאַפּט מיין געהער אויף אַ שופֿר פֿון געוואַנג.

וואָס האָט, ווי פֿון לייבישע ברוסטן — געפֿליגלט
אַריבער דעם טאָל און אַרום הר כּנען —
דאָס ליד, וואָס געוועקט האָט דעם מינדעסטן היגל
צום אויפֿשטאַנד פֿון פֿאָלק פֿאַרן יידישן לאַנד.

די צייט איז פֿאַרמאַכט אונטער אייביקייט־שלעסער.
ווי גוט, ווען ס'זאָל ווידער דער נס איצט געשען —
ער וואָלט היינט געוועזן נאָך פֿון יענעם פֿיל גרעסער —
ישראל זאָל ווידער די מצודה הערזען

אין שיין פֿון מכבּים פֿורפֿורנעם פֿלאַקער —
אין אויפֿזיד פֿון האַס קעגן פֿרעמדן געוואַלט —
דאָס פֿאָלק פֿון וואַרשטאַט, פֿון דער פֿען און פֿון אַקער
מיט ליד פֿון נצחון זאָל געבן אַ שאַל...

אויב מײַן ליד...

א.

אויב מײַן ליד איז די פֿרוכט אויפֿן בוים,
וואָס מיט גילדערנער שײַן אָנגעגאָסן —
איז אַ שײַער אַ פֿולער מײַן טרוים,
און זײַן שפּע איבער די מאָסן.

בײַם צופֿוסנס פֿון כּרמל, באַגין,
הויבט מײַן ליד אָן פּאַמעלעך צו וואַקסן.
יעדעס טראָפּעלע טוי־סעלעדין
עס צעפּלאַצט פֿון גינגאָלדענע שלאַקסן.

און אַ זילב נאָך אַ זילב, גליד נאָך גליד —
גלײַך ווי יאָדערס — מיט פֿלייש זיך באַלייבן.
אָט אַזוי צײַטיקט אויס זיך מײַן ליד,
וואָס באַשערט מיר אין שפּע צום קלײַבן.

ב.

אויב מײַן ליד — דאָס געזאַנג פֿון מאַשין —
איז דער קלאַפּ פֿון מײַן האַרצן דער ריטם.
און די פֿרייד, אָ, די פֿרייד איך געפֿין
אין דעם שטאָל ביזקל ווײַס אַ צעגליטן.

אין מפּריץ, וואָס אין חופּה דער שטאָט —
שמעלצט מײַן ליד זיך אין בראַנדיקן טיגל.
אין איעדערן אַרבעטער־טראָט,
אין איעדערן לייג פֿון אַ ציגל —

שמידט אַ זילב אין אַ זילב זיך אַריין.
אָט אַזוי קומט ער אויף שוין מיין ניגון —
מיט פרייד דורכגעוועבט און מיט פּיין,
וואָס די מאַמעס אים זינגען ביי וויגן.

ג.

אויב מיין ליד איז די פרוכט אויפן בוים,
אויב מיין ליד איז דער קינדערישער חלום —
איז די ליכטיקסטע שיין פון מיין טרוים —
אָט די הייליקע זילבן צוויי: שלום.

יעדער מינדעסטער שפּראָץ אויפן בייט,
יעדע שוואַרץ־אויפגעאַקערטע סקיבע,
יעדעס האַרץ איבערפולטע פון פרייד,
יעדע ווידעראַנטפּלעקונג פון ליבע —

אומעטום אין מיין שטראַליקן לאַנד,
פון מטולה ביז אילתער ברעגן —
מיט די זילבן צוויי שלום באַנאַנד
גייען ברידער די מאָרגנס אַנטקעגן.

קרית עמל, יוני 1955.

פוילן

פּוילן

א.

אַ ליבּ, אַ ליבּ דיר, היימלאַנד, פרייע פּוילן.
פאַר אַט דער פרייד, וואָס כ'נעם מיט זיך איצט מיט,
וואָס וועט זיך שוין נישט לעשן אין מיין ליד,
נאָך אַלע טרויערן, נאָך אַלע גרוילן.

אַ ליבּ פאַר חעם, וואָס כ'האָב דיך אָפּגעפונען
אַ שענערע נאָך, ווי דו ביסט געווען,
אַזאַ, ווי כ'האָב דיך אין מיין טרוים געזען,
אין ווראָנקער קאַזעמאַטן אויסגעשפונען.

איך שפּאַן אַרום אויף דיינע זונענבריטן —
צופוסנס פון די בערג כ'זאַפּ איין די רו,
וואָס וועט מיר אין מיין וועג באַגלייטן,

נאָר וויסן כ'וועל, אַז פּוילן דאָס ביסטו,
ווו ס'איז מיין יוגנט ווידער אויפגעקומען
אין טויען־דופט פון זאַקאָפּאַנער בלומען.

ב.

אַ ליבּ, אַ ליבּ דיר, פּוילן, דו באַנייטע,
פאַר אַלץ, וואָס דו ביסט אַזוי רייך געבענטשט.
נאָר מער פאַר אַלץ, אַ ליבּ דיר פאַרן מענטש,
וואָס, ערשט נישט לאַנג פון קייטן אַ באַפרייטער,

האָט אויסגעוווישט מיט לויטערקייט זיין בליק.
ווי גוט עס איז די ליבשאַפט אָפּגעפּינען
אין האַרץ, וואָס איז קראַנק געווען פון שנאה...
אַ לויב פאַר אָט חעם מיר באַשערטן גליק,

וואָס איך האָב מיט פריינד-טרערן באַגעגנט
אויף פוילנס גרוילן־דורכגעזאַפּטער ערד.
איידן בוים, איידן פלאַנץ כ׳געזעגן.

און ס׳איז דער אָפּשייד מיר אַזוי איצט שווער,
גלייך כ׳וואָלט מיין היים, מיין אייגן קינד פאַרלאָזן,
און זיך אויף וואָגלווינט אַוועקגעלאָזן.

זאַקאָפּאַנע — שטשאַווניצע, 1955.

צופוסנס דעם טורעם

I

וואַרשע

איך זע מיין וואַרשע היינט אַן אומבאַקאַנטע.
די גאַסן וויקלען זיך אַרום מיין טראָט
מיט רושטאָוואַניעס און מיט גראָזן־פּלאַנטן —
אַז יעדער ראָג — אַ ניי אַנטפּלעקטער סוד.

אַז יעדעס ווינקל פון אַ הויז צעעפנט,
ווי אַ בוקעט, זיין בלומיקייט פאַר מיר.
די אויפגעפּראַלטע פענצטער און די טרעפּ און
די היימישקייט, וואָס טראָגט פון יעדער טיר...

איז כאָטש אין האַרצן ברענט נאָך אַלץ דער טרויער
און ס'וויינט דאָס אויג דאָס אַלטע נאָך געוויין,
פאַרזינק איך שוין אין נייעם אומגעהויער
און אונטער מיינע טריט זינקט איעדער שטיין,

דאָס נייע ליד פון וואַרשע דער צעבליטער —
דאָס וויסל־ליד פון יוגנט און פון ברויז,
ווו יעדער בויער גייט דאָ אום אַ ריטער
און אין זיין לאַץ אַ פלאַמענדיקע רויז...

II

י ו ג נ ט

איך גיי אַרוּים היינט עמעצן באַגעגענען.
דאָס וואָרט פון פריינדשאַפט אויף די ליפּן גרייט.
די ליכטער פון דעם ווונדערטורעם רעגענען,
ביי זיין צופוסנס כוואַליעט אויף די פרייד.

איך שפּאַן אַריין אין אָט דער יונגער ענגעניש,
ווו יעדעס האַרץ צעעפנט זיך פאַר מיר
מיט אַלע פאַרבן פון דער גרויסער בענקעניש,
און ס'איז גענוג נאָר בלויז אַ האַנטבאַריר

און איך פאַרזינק אין אָט דער שטראַלנהעליעניש
אַריבער אַלע פרעמדקייטן פון וואָרט.
די פריינדשאַפט האָט שוין מער קיין גרענעץ נישט
אין אויפגעשמעלץ פון יונגן מענטשן־דור.

איך גיי אַרוים היינט עמעצן באַגעגענען.
ווי גוט איז דיר, אָ, וואַרשע, היימשטאָט מיין,
וואָס פון דיין ווונדערטורעם ליכטער רעגענען
און זיי פאַררעגענען די אַלטע פּיין...

ווי גוט איז דיר, וואָס אויף דיין גרוילנוויסטעניש,
וואָס נאָר די שנאה האָט זי אויסגעשפּרייט,
שלאָגט אויף פון יעדן האַרץ די מענטשנגלוסטעניש
פון האָפענונג, פון שלום און פון פרייד.

III

גליק

אַ װוּנדער שפּאַנט אַרום האָ אויף די גאַסן
און איך גײ נאָך זײַן שטראַליקער געשטאַלט.
מיר דאַכט זיך אַלץ — מײַן אײגן ליד צו בלאַס און
מײַן אײגן װאָרט אויף שטיקער זיך צעפּאַלט.

װי זאָל איך עס אָנרופֿן אָט דאָס װוּנדער,
אַז אַלע שפּראַכן פֿון דער גאַנצער ערד
זײ האָבן בלױז זיך אין אײן קלאַנג פֿאַרבונדן —
און אָט דער קלאַנג איצט אַלעמען געהערט.

ס'איז װאַרשע דיר באַשערט דאָס גרױסע גליק און
דײַן װוּנדער־טורעם, װאָס צו הימלען גרײכט,
װי אַ מאַגנעט ער זאַמלט אויף די בליקן
און פֿירט זײ צו אַ נישט דערטרױמטער הײך,

װו נאָר די אָדלערס פֿליען שװעבן,
איז הײַנט דער מענטש מיט פֿליגלען אָנגעטאָן,
ער שלײַדערט אום די צװימען פֿונעם לעבן
און ס'איז דער אומגעצװימטער פֿלי — זײַן פֿאָן.

װאַרשע, אויגוסט 1956.

איך גיי אַרום...

איך גיי אַרום און אַלץ דערמאָנט די היים דאָ.
מיין טייערע, ווי שטיל עס איז אין וואַלד.
די סאָסנעס הויך. דער מענטש בלויז אַזוי קליין דאָ.
איך גיי און זוך אַרום איצט דיין געשטאַלט.

מיר דאַכט זיך אַלץ, ביים ראַנד וועסט זיך אַ ווייז טאָן
אַ מידע, אַ פאַרמאַטערטע פון וועג.
איך וועל צו דיר פון פרייד אַזאַ מין שפריז טאָן —
אַ כאַפּ טאָן, ווי דעם טייערסטן פאַרמעג

און פאָרזיכטיק דיך פירן פאַר דער האַנט דאָ.
און אויסקלייבן דאָס בעסטע שענסטע אָרט —
דאָס ווייכסטע גראָז, וואָס איז אין וואַלד פאַראַן דאָ.
און שטיל אַזוי און אָן אַן איינציק וואָרט

אַוועקזעצן לעם מיר אויף אָט דעם גראָז דאָ,
ס'זאָל אָפּרוען דיין בענקענדיק געמיט.
ביז וואַנען ס'וואָלט די אַלטע מידקייט דיר פאַרלאָזט דאָ,
וואָלט איך געזעסן און דיך אָפּגעהיט.

שטשאַוניצע, סעפּטעמבער 1955.

ווי דו ביסט מיד...

מיין טייערע, ווי דו ביסט שרעקלעך מיד.
דו שטייסט נאָך אַלץ אין קיאָסק דאָרטן ביז שפּעט.
מיין בליק דורך אַלע ווייטקייטן דערזעט,
ווי בלייאיק שווער עס זענען דיינע טריט.

ביסט אויפגעשטאַנען היינט אַזויגער פרי.
דער כרמל איז אין נאַכט נאָך איינגעהילט.
האָסט אָנגעטאָן זיך אין דער פינצטער שטיל
און צוגעמאַכט די דרויסנדיקע טיר —

אַוועקגעאיילט גיך, גיך צום פייכטן כביש.
פון הימל אָנגעשוואָלן שווער דיין ברעם.
די מידקייט צום האַרצן דיר פאַרקלעמט,

נאָר ס׳האָט די קילקייט פון באַגין דערפרישט.
ווי לאַנג וועט אָט די פרישקייט דיר דען סטייען?
און ווען וועל איך פון על דיך שוין באַפרייען?

שטשאַוונ יצע, סעפטעמבער 1955.

כ'וויל זינגען א ליד...

כ'וויל זינגען אַ ליד היינט דעם האַרבסט,
אַזוי ווי אַמאָל כ'האָב געזונגען.
אַ יעדערעס בלאַט, וועלכעס שטאַרבט —
אַזוי ווי אַ ליד אָפּגעקלונגען

ווו טיף אינעם האַרצן ביי מיר.
נאָר ס'גייט מיר דאָס ליד נישט פאַרפאַלן.
גענוג כ'זאָל דערמאָנען אין דיר —
מיין פרייד הייבט ווידער אָן שאַלן...

און העמלט דער טרויער פון האַרבסט
צערינט, ווי גאָר קיינמאָל געוועזן.
כאָטש קאַרג ס'איז דיין שמייכל און האַרב —
צינדט אָן זיך פון אים שוין מיין וועזן.

און כ'וויס שוין אַליין נישט פאַרוואָס,
דער האַרבסט ווערט אין פרילינג פאַראַנדערשט.
ס'איז אפשר, מיין טייערע, דאָס,
וואָס איך האָב אין ווייט ווו פאַרוואַנדערט

און האָב זיך נאָך דיר היינט פאַרבענקט.
און יעטוועדעס בלאַט, וועלכעס פאַלט,
דערמאָנט אַלץ, וואָס איך פאַרגעדענק —
מיין היים דאָרט אין קרית עמל.

שטשאַוניצע, סעפטעמבער 1955.

כ׳בלייב שולדיק..

כ׳בלייב שולדיק דיר אַלץ נאָך, מיין ליבע,
די קילקייט פון צווייג, וואָס איך גלעט,
דערמאָנט מיר מינוטן די טריבע,
וואָס דו האָסט זיי האָרטן צו זעט.

איך ווייס, ביסט פאַרהאָרעוועט איצטער
אין ווייטן דעם קרית עמל.
די קינדערלעך, נאַקעט־פאַרשוויצטע,
זיי האָבן פאַרשפּילט זיך אין באַל.

נאָר דו ביסט אַליין האָרט געבליבן
מיט אייגענעם אומעט באַנאַנד.
כ׳בלייב שולדיק דיר אַלץ נאָך, מיין ליבע,
פון ווייטן דעם פּוילישן לאַנד

אַ טייל פון דער שלוה באַשערטער —
אַ טראָפּעלע רו דיין געמיט,
און ליבשאַפט די אייביק באַגערטע
פאַר דיר — אין מיין אייגענעם ליד.

שטשאַוונ יצע, סעפּטעמבער 1955.

אַ ב ר י וו

איך וואָלט אַרויסגעגאַנגען דיר אַנטקעגן.
דער וואַלד איז גרויס, און ביימער דאָ אַ סך.
ווי גוט, ווען כ'טו דיך איצטער אַ באַגעגן
און דו, דו גיסט זיך ווידער אַ צעלאַך,

ווי דו אַליין נאָר קענסט זיך ווען צעלאַכן.
און ס'וואָלט צעשיינט זיך פּלוצלונג דיין געזיכט,
ווי פון שווערן חלום וואָלסט דערוואַכן
און אַ פאַרוווּנדערטע דערזען מיך לעבן זיך.

מיין טייערע, ווי אַלט דו ביסט געוואָרן.
ס'איז דיין געזיכט מיט קנייטשן דורכגעוועבט.
ווי שרעקלעך שנעל דיין יוגנט כ'האָב פאַרלאָרן,
אין פרעמדע און אין זאָרגן דורכגעלעבט.

ווי גוט וואָלט אונדז געווען איצטער ביידן
זיך אויסציען אויף אָט דעם סאַמעט גראָז
און שווייגן, נישט קיין וואָרט אַרויסצורעדן.
ס'וואָלט אפשר דיך די עלטער אָפּגעלאָזט.

און ס'וואָלט דיין בליק אויפסניי גענומען בלאָען,
ווי דאַן, ווען איך האָב דיך צוערשט דערקענט.
מיט קילקייט פון פרימאָרגנדיקע טויען
עס וואָלט אַ וויי געטאָן פון דיינע הענט.

מיר וואָלטן האָן, ווי צוויי אויפסניי פאַרליבטע,
אַרומגעשפּאַנט אין אונדזער העלן טרוים.
אַ זינג, אַ לאַך, אַ לויף געטאָן צעשטיפטע,
באַהעלטעניש געשפּילט מיט יעדן בוים.

צו שיין, צו שיין געווען וואָלט אונדזער חלום,
ווען ער וואָלט פּלוצלונג איצט געוואָרן וואָר.
פון פּוילן שרייב איך דיר אַ בריוו איצט, שלום!
און ווינטש דיר ,טייערע, אַ גוט יאָר!

שטשאַווניצע, 10 סעפּטעמבער 1955

ווי גרויס וואַלט געווען מיין גליק...

דורך טויזנט וועגן כ'קום צו דיר, מיין ליבע,
דורך אַלע ימען יעדע רגע כ'איל.
פון אַלע מיינע בענקשאַפטן געטריבן —
צו דיר, צו דיר, פאַר הונדערט טויזנט מייל.

די בערג דאָ זענען אויך אַזעלכע גרינע.
דער טאָל — מיט גרינעם זיידנס אויסגעבעט.
נאָר כ'קען די רו שוין נישט געפינען.
און דורך דער ווייט מיין בליק אַלץ האַרט דערזעט

אַ זונפאַרגאַנג פאַרגאָסענעם פון פלאַמען.
און, זאָל מען מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד —
די ביידע קינדער מיינע מיט דער מאַמען,
וואָס זענען לויפן פון דער שריפה גרייט.

פאַרשטערט איז מיר די שטילקייט שוין געוואָרן
און די טיפע היילנדיקע רו.
אין ברוסט צעפלאַקערט ווידער זיך דער צאָרן.
און איך בין גרייט, בין גרייט אַזוי ווי דו —

די מאַמע פון די ביידע מיינע קינדער —
אויסצושטעלן יעדע וויל מיין ברוסט
אַקעגן יעדן היימען-אונטערצינדער,
וואָס טיעט זיך אַ הינטער יעדן קוסט

און וויל מיין היים, מיין נעסט די אויסגעבויטע,
אכזריותדיק צעטרעטן מיט די פיס.
מיין טייערע, פון פוילן אָפּגעבויטן,
אַיעדער בוים פון ווייטן דיך גערישט.

אַיעדער צווייג שיקט דיר אַ גרוס פון פרידן.
ווען איך זאָל קענען מיטברענגען צוריק
די רואיקייט פון פוילן פאַר די יידן,
ווי גרוים וואָלט זי געווען, ווי רייך מיין גליק...

שטשאַווניצע, סעפּטעמבער 1955.

האַרבסט

ס'איז איצטער האַרבסט אין וואַלד.
ווי גוט ס'איז מיר אַצינד
מיט אַט דעם בלעטערפֿאַל,
מיט אַט דעם רויש פֿון ווינט,

וואָס כ'האָב נאָך אים געבענקט
פֿאַר הונדערט טויזנט מייל.
און האָב אים פֿאַרגעדענקט
דאָרט אין קרית עמל.

ס'איז איצט אויך דאָרטן האַרבסט
און ס'רוישט אויך דאָרט דער ווינט,
נאָר נישט די געלבע פֿאַרב
פֿון יענע בלעטער רינט.

און נישט דער אומעט אויך,
וואָס אויסגעמישט מיט פֿרייד,
אויף זאַקאַפּאַנער הייך
אין האַרצן מיר פֿאַרגייט.

דאָרט אין קרית עמל
איז אַנדערש, אַנדערש אַלץ —
פֿון צווייג אַ בלאַט עס פֿאַלט —
און ס'וועגט דיר ביי דעם האַלדז.

דער ווינט, וואָס רייסט הינטער האָך —
די שרעק וועקט אויף אויפסניי.
און דורכגעגליט די נאַכט
מיט רויט צעשמעלצטן בליי.

ווי אומעטיק דער האַרבסט
ביי מיר אין לאַנד דאָרט איצט.
עס ווערט דאָס לייב פאַרקאַרבט,
די ציין ביז בלוט פאַרקריצט,

ווען ווידער ס׳גיט אַ פאַל
אַ מענטש אומזיסט, אומנישט,
ווי אָט דער בלעטערפאַל
אין בלאָטע אויסגעמישט.

שטשאַוניצע 1955.

וואָס שעפּטשעט מיר דער ווינט

ווי ווייט זי איז מיין היים, ווי ווייט פון פוילן —
אַריבער ימען האָט מיין ווייב און קינד.
וואָס זשע שעפּטשעט מיר אין אויער איצט דער ווינט
פון נייע טרויערן און נייע גרוילן?

ס'איז דורכזיכטיק און טיף אַזוי דער הימל,
די סאָסנעס שטייען דרימלענדיק פאַרטראַכט.
נאָר מיך אַן אומרו נאָגט אין ברוסט, מיר דאַכט,
אַז ערגעץ ווו אַ שלאַנגען־נעסט נאָך ווימלט.

אָ, גאָטעניו, מיין ווייטע היים ישראל
ווערט אויפגעריסן פון אַ פייער־פלאַם,
דאָרט ווערט די ברודערשאַפט באַדעקט מיט שאַנד...
נאָר יעדער שטיין וואַרט דאָרטן אויפן גואל.

אָ, ווען ס'זאָל געשען מיר דאָס וווּנדער,
איך זאָל מיט אַט דער שטילקייט האַנט ביי האַנט
דערשוועבן צו די ברעגן פון מיין לאַנד,
ווו יעדע גרענעץ בלוטיקט היינט אין וווּנדן.

איך וואָלט זיי אַלע דאָרטן היילן
מיט דער רואיקייט, וואָס אָרעמט מיך אַרום,
מיט אַט די סאָסנעס, מיט אַט דער זון,
מיט דעם גליק, וואָס ברידער צווישן זיך דאָ טיילן.

שטשאַווניצע, סעפּטעמבער 1955.

ישראל

ישראל, מיין לאַנד פֿון די אָבות!
זאָג, וועמענס, זאָג, וועמענס ביסטו היינט?
עס וויינען ביינאַכט דיינע סאָוועס
און רויבן ביי מיר צו די רו היינט.

די גרענעצן דיינע, ווי וואונדן,
זיי קענען זיך גאָרנישט פֿאַרהיילן.
דיין הימל איז אונטערגעצונדן —
דו קענסט נישט די זין איבערציילן,

וואָס פֿאַלן אַזוי ווי די ביימער
פּריצייטיק אָרונטערגעשניטן,
אינמיטן פֿון האָפֿן און טרוימען,
אין פֿרילינגען סאַמע צעבליטע.

אָ, זאָג מיר, ישראל, דו ווייטע,
אָ, זאָגט מיר פֿון ירדן די ברעגן,
צי וואַרטן נאָך לאַנג אויף די צייטן,
ווען ס'וועט אויף די היימישע שטעגן

דער פּאַסטוך די לייבן דאָרט פּאַשען,
ווי ס'האָט עס דער נביא געזונגען,
און ס'וועלן אויפֿסניי אין די אַשן
צעטליען פֿאַרלאָשענע פֿונקען?

ישראל, מיין היימלאַנד, דו נייע,
ווי טייער ביסטו פֿונדערווייטן,
נאָר זיין וואָלסטו טויזנט מאָל טייער —
פֿון יעטוועדן יאָך אַ באַפֿרייטע...

שטשאַוניצע, סעפּטעמבער 1955.

זאַקאָפּאַנע

ווי ס'טווישן זיך דאָ איצטער די קאָלירן.
אין נעפּל פון פיאָלעט די בערג פאַרהילט.
מיר דאַכט, די גאַנצע ערד איז איינגעשטילט,
אַז ס'איז אַ שאָד מיר פון דער שטילקייט צו פאַרלירן.

נאָר פּלוצלונג, זע, ווי ס'נעמט זיך אַלץ אַנטהילן:
אַיעדער שפּיץ ווערט דין אַזוי און שאַרף,
אַיעדער באַרגרוקן — ווי אַ האַרף —
נאָר נעם און הייב אויף איר אָן שפּילן.

דער טאָל — אַ טעפּיך אויסגעוועבט מיט גינגאָלד־קווייטן —
אַ גוטע האַנט וויל אויסגלייכן אים און פאַרשפּרייטן,
נאָר ביי די ברעגן טונקלט אַלץ אַ פאַלד.

פאַרנאַכט צו ווערט דער פאַלד אַלץ גרעסער.
און דער געוואַנט — אַן אויסגעשטשערבעט מעסער —
ווערט איינגעוויקלט אין אַ סאַמעט־שאַל.

אויגוסט 1955.

שולדיק...

די מילדע זון פון האַרבסט אויף מיינע גלידער.
דער הימלבלוי איז ווייך אַזוי און ריין.
די שלאַנקע יאָדלע איז מיט מיר פאַרבריִדערט,
און די בעריאָזע קומט צו מיר צו גיין.

זיי וואַרטן שווייגנדיק מיך אָפּביים פענצטער
און רימען מיר אַריין צום סוף אַ סוד.
זיי פרעגן: זאָג אונדז, ווער עס איז די שענסטע
און וועם פון אונדז אַמערסטן ליב דו האָסט?

נאָר כ'בלייב מיין ענטפער זיי אַלץ שולדיק —
ס'איז איינע פון דער אַנדערער מער שיין.
זיי וואַרטן אַלץ ביים פענצטער אָפּ געדולדיק —
צי קאָן איך דען דערציילן זיי מיין מיין?

שטשאַווניצע, סעפטעמבער 1955.

פון כרמל־באַרג ביז זאַקאָפּאַנע

פון כרמל־באַרג ביז הײַנט קיין זאַקאָפּאַנע
דער וועג איז ווײַט, דער וועג איז זייער ווײַט.
די ערד זי קײַלערט זיך אַדורך דער צײַט,
און ס'איז קיין גרענעץ נישט פאַר איר פּאַראַנען.

נאָר ערגעץ ווו פון ווײַטן וועג אינמיטן —
דער אומעט ענדיקט זיך און ס'הייבט זיך אָן די פרייד,
גלײַך ס'וואָלט דער מענטש זיך שפּאָרן אָנגעגרייט
און אויף אַ פליגל־פערד אַוועקגעריטן...

איך וווּנדער זיך, ווי קאָן עס זײַן געמאָלט
פון אומעט צו דער פרייד אַריבערשפּרײַזן?
אויך דאָרטן גרינט אַ שטראַליקער דער טאָל,

נאָר מענטשן גייען מיד אַרום, ווי גרײַזן,
און ס'ברענט אַ פײַערל אין יעדן בליק:
אויך אונדז באַשערט וועט זײַן אַמאָל דאָס גליק.

זאַקאָפּאַנע, סעפּטעמבער 1955.

אַ װוּנדער

אַ װוּנדערלעכע זאַך — אַט זיצט לעם מיר אַ מענטש
און אויף זײַן הויט דער זון־אויפֿגאַנג פֿאַראייביקט.
זײַן װינקל־בליק, װי מײַנער אַזוי גלייביק.
און ער, װי איך, פֿון ברודערשאַפֿט געבענטשט.

איך האָב אים אפֿשר װען אין טורמעס געזען,
און אויסגעשטרעקט מײַן האַנט אַריבער ימען.
נאָר הײַנט איז מיר באַשערט אין זאַקאָפּאַנע —
דער גרויסער נס פֿון טרעפֿונג זאָל געשען.

ער הייסט פּוקאַדאָ — גאָר אַ מאָדנער נאָמען.
און איך הייס פּסח — אויך אַ מאָדנער קלאַנג,
נאָר ביידע שטאַמען מיר פֿון זעלבן זאָמען

און ביידן טוט די נויט פֿון מענטש אונדז באַנג.
אין זאַקאָפּאַנע שפּאַנט אַרום אַ װוּנדער
אין דער געשטאַלט פֿון ברודערשאַפֿט־יאָרהונדערט.

זאַקאָפּאַנע, אויגוסט 1955.

דאָס קליינע האַרץ..

דאָס קליינע האַרץ, ווי גרויס עס איז אַצינדער.
די שמאָלע אָרעמס — פליגלען אויסגעשפּרייט.
מיר זענען אַלע היינט, ווי קליינע קינדער,
און פראָסט און קינדעריש איז אונדזער פרייד.

מיר לאַכן אַלע היינט דאָ אין געלעכטער.
און כאָטש פּילפאַרביק־קלאַנגיק אונדזער שפּראַך —
די בליקן רעדן דאָ מיט ליבשאַפט עכטער —
אין אונדזער היים — אונטער דעם זעלבן דאַך.

ווי גוט, ווען ס'טרעפן זיך צונויף די קאָנטינענטן
און מזרח־מערב זענען זיך אויף דו.
די שנאה ליגט אין אַש אַ פאַרברענטע
און אונדזער ערד אין פרייהן איז באַרוט.

ווי גוט, ווען ס'האָבן נישט קיין גרענעצן די פריידן —
אַ ייד, אַ פּאָליאַק גיבן זיך די הענט,
און אַ בולגאַר פון ברודערשאַפט נעמט ריידן,
און מענטש מיט מענטש אויפסניי זיך איצט דערקענט.

דאָס קליינע האַרץ גייט איבער שוין די ברעגן.
און אונדזער ליד, אַזוי ווי אונדזער פרייד,
צעגיסט זיך איצט אויף אַלע גרינע שטעגן
און בליִען פון דער פריינדשאַפט זי פאַרזייט.

זאַקאָפּאַנע, סעפּטעמבער 1955.

ליליאַנאַ און קאַטיאַ

ליליאַנאַ און קאַטיאַ — צוויי ליכטיקע ווערטער —
איך האָב זיי פאַרקריצט אין זכרון.
אַ לויב צו די רגעס, מיר גליקלעך באַשערטע,
וואָס זענען מיר טייער געוואָרן.

אויב ס׳טרעפן זיך וואונדער, איז דאָס מיר דער שענסטער:
אין איינעם אַ טאָג זאַקאָפּאַנעס,
זיי זענען אַריין, ווי אַ ווינט דורכן פענצטער,
און האָבן מיין לשון פאַרחאַמערט.

ס׳איז העמלט געווען אַ שעה נאָכן שאַריען —
די גראָזן — בריליאַנטן באַקראַנצטע —
ליליאַנאַ און קאַטיאַ די טעכטער בולגאַריעס,
זיי כאַפּן אַרום מיך און טאַנצן.

איך ווייס נאָך ביז איצט נישט, צי דאָס איז אַ חלום,
צי דאָס איז געווען אויף דער וואָר, און
ליליאַנאַ און קאַטיאַ זיי זאָגן מיר שלום...
און איך, איך צעגליִ ווי אַ האָרן.

אַ האָרן, וואָס ברענט און גאָר קיינמאָל דערברענט נישט —
פון ליבשאַפט דער גרויסער געבונדן.
זאָל לעבן די ליבשאַפט, וואָס זי האָט קיין ענד נישט
אין אונדזערן שטרענגען יאָרהונדערט.

ליליאַנאַ און קאַטיאַ — צוויי ליכטיקע ווערטער —
איך האָב זיי פאַרקריצט אין זכרון.
אַ לויב צו די רגעס מיר גליקלעך באַשערטע,
וואָס זענען מיר הייליק געוואָרן.

זאַקאָפּאַנע, אויגוסט 1955.

אויף אלע ברייטן...

לילִיאַנאַ — כ'האַלט איר האַנט אין מיינער,
קוים, קוים, וואָס איך פאַרשטיי איר שפּראַך,
נאָר אירע אויגן זיך צעשיינען.
און ווען זי גיט זיך אַ צעלאַך —

ווערט קלאָרער מיר איר יעדער רמז —
זי רעדט פון ברודערשאַפט מסתּם,
פון יענעם גרויסן רויטן פלאַם,
וואָס איז געוואָרן אונדזער אמת

אויף אַלע ברייטן פון דער ערד.
לילִיאַנאַ, טאָכטער פון בולגאַריע,
דאָס גרויסע גליק איז מיר באַשערט —

דיין יעדן קלאַנג — די שענסטע אַריע —
אַריינזאַפּן אין מיין געמיט
און אויפזינגען אין אייגן ליד.

זאַקאָפּאַנע, אויגוסט 1955.

ליליאַנאַ

ליליאַנאַ — אויף מיין לשון: ליליע.
ס'איז אַ וואַסער־בלום מסתמא
ביי דעם שוואַרצן ים פאַראַנען? —
פרעג איך — און זי ענטפערט שטיל: יע —

ס'איז אַ פלאַנץ מיט ווייסע בליטערס
אויפן וואַסער־פלאַך געטראָגן —
עפנט אויף דעם קוויט פאַרטאָגן
און צום מאָרגן־שטראַל זי ציט זיך.

זיצט זי לעבן מיר און פלאַטערט
אַט די שיינע וואַסער־ליליע —
ס'האָט דאָס טאַנצן איר פאַרמאַטערט.

און די פינגער אירע שפילן
אויף מיין אָרעם אויס אַ ניגון,
וואָס ער טוט מיך זיס פאַרוויגן...

זאַקאָפּאַנע, אויגוסט 1955.

נאָך א טאָג

נאָך אַ טאָג — מיר וועלן זיך צעשיידן.
יעדע שעה מיר טייער און אַ שאָד.
כ'טראָג אַרום אין זיך אַ סוד,
כ'קאָן אים אַלץ נאָך נישט דערריידן.

מאָדנע, ווי דאָס קאָן זיך אַלץ דאָ טרעפן.
אָט די בערג, וואָס כ'זע זיי דורכן שויב —
כ'האָב מיין ליד געזונגען זיי צו לויב
פאַר דעם קוואַל פון פרייד אין מיר צעעפנט.

און פאַר אפשר, אפשר עפּעס מער.
כ'וויים נאָך נישט, צי כ'וועל עס דיר דערזאָגן,
דאָ אויף אָט דער גאַסטפריינדלעכער ערד,

וואָס עס האָט אין מיר גענומען טאָגן,
גלייך אין אַש וואָלט אויפגעגליט אַ פונק.
דאָס איז אַלץ, דאָס אַלץ. איך שטעל אַ פונקט.

זאַקאָפּאַנע, אויגוסט 1955.

נישט דאָס...

יאָ, ס׳איז געווען אויף דער וואָר,
כאָטש ס׳איז שווער אַזוי מיר אַלץ צו גלויבן.
דו האָסט פלוצלונג די האַנט אויפגעהויבן
און אַ גלעט זיך געטאָן דיינע האָר.

נאָר נישט דאָס האָסטו דעמלט געמיינט.
ווען דיין קאָפּ האָט צו מיר זיך געבויגן,
האָב איך פלוצלונג דערזען דיינע אויגן,
ס׳האָט אַ ליכטיקע טרער דאָרט געוויינט..

אָט די טייערסטע טרער פון מיין לעבן,
וואָס זי גליט מיר נאָך איצט אין געמיט.
וויפל כ׳וואָלט פאַר איר איצט אָפּגעגעבן —

זי זאָל אויפקלערן מיר אין מיין ליד
אָט אַזאַ, ווי די לויטערקייט דיינע —
איך זאָל זאָגן ביסט מיינע, ביסט מיינע.

זאַקאָפּאַנע, סעפּטעמבער 1955.

דו גייסט אַוועק...

מיר וועלן זיך שוין מער נישט, מער נישט זען!
דו גייסט אַוועק. אַ שרעק איז מיך באַפֿאַלן,
גלייך אויסגעלאָשן ווערט דער לעצטער שטראַל און
די האָפֿענונג אין אַש ליגט פֿאַרברענט.

כ'האָב נאָכשרייען דיר דעמלט נאָך געוואָלט,
נאָר דו ביסט זיך אַוועקגעגאַן געלאָסן.
פֿאַרלאָרן אין די זאַקאָפּאַנער גאַסן —
דאָרט בלאָנדזשעט אום צו דיר מיין לעצטער רוף,

נאָר דו וועסט אָט דעם רוף שוין נישט דערהערן.
אַן אַנדערע באַטרעטסטו איצטער ערד.
דער ווינט האָט שוין פֿאַרטריקנט דיינע טרערן —

ס'איז די צעשיידונג סיוויסיי באַשערט.
און דאָך... און דאָך... דער חלום איז אַ שיינער.
און נישט איינמאָל וועל איך אין חלום וויינען.

שטשאַווניצע, סעפּטעמבער 1955

אין אָט דער שעה...

אין אָט דער שעה פֿאַרלאָזסטו זאַקאָפּאַנע.
איך ווייס נישט, צי מיט צער, צי אויך מיט פֿרייד.
נאָר איך, איך בין אַלץ נאָך שווערן גרייט,
אַז ס'איז קיין שענער אָרט גאָרנישט פֿאַראַן,

ווי אָט חאָם הויז ביי יענע בערג צופֿוסנס,
ווי ס'בלויט אַריבער זיי דער שפּיץ געוואָנט.
און אַלע שטערן זענען דאָרט נאָנט
און די לבֿנה פֿול איז מיט גערחסן...

אין אָט דעם הויז אַרויפֿצוגיין מיט שטיגן —
אויף אייביק איז פֿאַרבליבן עפּעס דאָרט.
ווען איך וואָלט אָט דעם עפּעס איצטער קריגן

און איבערגיסן קענען עס אין וואָרט,
וואָלסטו, מיין ליכטיקייט, אפֿשר פֿאַרשטאַנען
נישטאָ קיין שענער אָרט, ווי זאַקאָפּאַנע.

זאַקאָפּאַנע, סעפּטעמבער 1955.

איך ווייס...

איך ווייס, ווי שווער ס'איז איבערשפרייזן
אָט דעם תהום פון אַבערגלויבן דיר.
פון אַלטער וועלט נאָך אָפן איז די טיר —
זי ציט צוריק מיט קלעשטשעס ווי פון אייזן.

און איך — ווי כ'וואָלט דיך וועלן שוין באַפרייען
פון אָט דער לאַסט, וואָס דריקט אויפן געמיט!
מיין פריינד, ווי איך וואָלט גיין מיט דיר אין טריט
אויף וויפל ס'וואָלט דער אָטעם מיר נאָך סטייען.

אַרומגעפירט איך וואָלט דיך ביי דער האַנט
און שטיל און אָן אַ מינדסטן וואָרט
איך וואָלט געוויזן דיר דיין אייגן לאַנד.

דו קוק, הערזיע האָט נייע הײַ און האָרט
וואָלט אפשר האָן דיין פרעמדקייט אויך פאַרשוואונדן
און אונדז די נייע ברודערשאַפט פאַרבונדן.

שטשאַוניצע 1955.

די וואַנט פון פרעמדקייט

די וואַנט פון פרעמדקייט צווישן אונדז זי דויערט,
אָ, וויפל וואָלט איך אָפּגעגעבן היינט,
מיר זאָלן קאָנען אָנרופן זיך פריינד,
נאָר גראָב, צו גראָב עס איז נאָך אַלץ די מויער,

וואָס האָבן אויפגעשטעלט זי אַלע דורות —
פול גאַליקייט, פול שנאה און פול האַס.
מיין פריינד, איך האָב דאָס ליד היינט דיר פאַרפאַסט,
אַז ס'זאָל די וואַנט פון מצוות און עבירות

אָט ווי אַ קאָרטנהייזל זיך צעפאַלן,
אַז איך זאָל קאָנען זאָגן אויף מיין שפּראַך:
נו גוט, וואָס איז געווען, געווען איז — און פאַרפאַלן.

און דו, דו וואָלסט געטאָן זיך אַ צעלאַך,
איך זאָל אין אָט דעם לאַך דיינעם דערהערן
דאָס נייע, וואָס אונדז ביידן זאָל געהערן.

שטשאַווניץ, סעפּטעמבער 1955.

דאָס איז געווען...

נישט אמת, אַז איך האָב דיך היינט באַקענט.
דיין נאָמען גייט מיר נאָך שוין דורך די יאָרן.
און אָט דער ציטער־דרוק פון דיינע הענט,
וואָס כ'האָב אים אין די שרפות ווו פאַרלאָרן.

קאָן זיין, אַז כ'זע דיך היינט דאָס ערשטע מאָל.
נאָר איך וואָלט ביי דעם הייליקסטן האָך שווערן,
אַז דיין געשטאַלט מיט אָט דעם מיידל־קול
דערמאָנען פיל פאַרלאָשענע באַגערן.

...דאָס איז געווען אין פיעטריקאָוו. ביינאַכט.
אין פענצטער דעם פאַרקראַטעוועטן — שטערן.
און איך האָב ביי דער קאַלטער וואַנט געוואַכט —
פון פרילינג כ'האָב געוואָלט א גרוס דערהערן.

און פלוצלינג כ'הער: ס'קלאַפט עמעצער צו מיר —
אַ פאַרזיכטיקער קוים דערהערטער קלאַפּ.
„מיין יינגל, הערסט, איך שרייב אַ גריפּס צו דיר —
דו וואָלסט אים דורך די פענצטער־קראַטעס כאַפּן”.

עס האָט דאָס הארץ אַ טאַנץ געטאָן אין ברוסט.
מיר האָט געדאַכט, איך זע זי דורך די ציגל
און כאַפּ אַריין זי אין די אָרעמס, קוש —
און ביידע מיר באַקומען פלוצלונג פליגל

און רייסן זיך אַרויס באַלד אויף דער פריי
צו באַלוט און צו סמאָטשע אין די רייען... —
איינע צייט איז לאַנג שוין, לאַנג פאַרביי.
צי זענען מיר דאָרט נישט געווען אינצווייען?

נאָוועמבער 1955, וואַרשע, „אמעגאַ“

יוליאַן טווים

א.

דאָס וואָרט זינגט דעם דיכטער אַ הימן —
דער דינסטער וויבריר פון דער פרייד,
דער טרויער, וואָס האַלט ביים פאַרגיין,
די שאָטנס אין טאָגליכט פאַרשווימען...

מאַעסטראָ! די פּליט דיינע איז נישט אַנטשוויגן!
עס וויקלט זיך ווייטער דיין ליד,
אין יעדערן אַרבעטערס טריט,
וואָס האַקט צו דער זון אויס די שטיגן.

אין יעדערן קינדערלעכס טרער —
אַ גילדענער שטראַל ברעכט זיך איבער.
די לייבלעכע פּוילישע ערד —

דיין אָרון זי בויגט זיך אַריבער.
און איבער דיין קבר פון שטיין
אַ ווייס בעריאָזקעלע וויינט...

ב.

דו האָסט זיך אין ירדן געטובלט —
אין ירדן פון יידישן בלוט...
און ס'האָט דיין געמיט נישט גערוט,
ביז ס'האָט נישט דיין הימלאַנד געיובלט

דעם גרעסטן פון אלע נצחונות.
די ווייסל באפרייט האט איר לויף
און גלייך ווי א ריזיקע שרויף
דעם נאצי צעדריבלט די ביינער.

און דאס איז געווען די נחמה
פאר געטא, פאר אומקום, פאר שאנד.
די גרעסטע וואס קען זיין נקמה —
אין ווידערגעבורט פון דיין לאנד.
דיין חלום — די גילדענע פאווע —
א מענטש זאל א מענטש זיין א חבר.

ג.

אויף שנייאיקער הויך זאקאפאנעס —
אין ווייסן געהילט און אין רויט —
מקנא צו זיין אזא טויט
דעם דיכטער פון פוילישע לאנען.

אין לויטערן ווייסן געווימל —
צוקאפנס דער סאסנע-געדויש —
דאס הימלאנד, ווי ווייט און ווי גרויס —
פארוויגט אים צום אייביקייט-חרימל.

און יעדערער מינדעסטער קלאנג,
וואס ער האט פון זיך אויסגעצויבערט,
ער פלעכט זיך אריין אין געזאנג

צום זילבערנעם בארג-שפיץ דערהויבן.
דער פוילישער דיכטער, דער ייד —
דאס הימלאנד שפינט ווייטער זיין ליד.

יאנואר 1954.

אינהאַלט

ישראל

גיב כּוח... 7
אין די וועלדער פון באַנאַנען 8
דער יונג אויפן טראַקטאָר 9
גרינע לאָנען 10
מיין טאָג 12
מיין גאָרטן 13
דער טרויער דער אַלטער 14
אין טויער פון עמק 16
די עוולה איז מיינע 17
אַ חלום 18
דער מילכיקער 20
אין חיפה, דעם כּאַרמל צופוסנס... . . . 22
הייליקע ווערטער די דריי 23
דאָס צוגעזאָגטע לאַנד 25
וואָס נאָך איז באַשערט דיר... 27
נאָך וויניק... נאָך וויניק... 28
אומרו 29
נישט אלע זענען מיר דאָ ברידער.... . . . 30
לאַנד מיינס 31
נצרת 32
זעלנערינס פון פורפורנעם באַגין . . . 34
עזרא 36
בר מצוה 37
ווינטער 38
נאָך אַ יאָר.... 39
אַז די פאָן זאָל זיין ריין... 40
דער רעגן קלאַפּט בלויז אין די שויבן... . . . 41
די וועגן פון שנאה 43

מערע... 46
צפת 48
מקובלים 49
אויף דער מצודה 50
אויב מיין ליד... 51

פוילן

פוילן 55
צופוסנס דעם טורעם 57
איך גיי אַרום... 60
ווי דו ביסט מיד... 61
כ׳וויל זינגען אַ ליד... 62
כ׳בלייב שולדיק... 63
אַ בריוו 64
ווי גרויס וואָלט געווען מיין גליק... . . . 66
האַרבסט 68
וואָס שעפּטשעט מיר דער ווינט 70
ישראל 71
זאַקאָפּאַנע 72
שולדיק... 73
פון כרמל־באַרג ביז זאַקאָפּאַנע 74
אַ וואונדער 75
דאָס קליינע האַרץ... 76
ליליאַנאַ און קאַטיאַ 77
אויף אַלע ברייטן... 78
ליליאַנאַ 79
נאָך אַ טאָג 80
נישט דאָס... 81
דו גייסט אַוועק... 82
אין אָט דער שעה... 83
איך ווייס... 84
די וואַנט פון פרעמדקייט 85
דאָס איז געווען... 86
יוליאַן טוווים 88